**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/16/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL (האקול) שיקט ארויס דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג וואלד קעמפער צו העלפן מיט קאליפארניע וואלדפייערן

***א טעים פון 10 וואלד קעמפער לאזן זיך ארויס צו לאס אנגאלעס צו זיך אנשליסן מיט פייערלעשער וואס ארבעטן צו ברענגען וואלדפייערן אונטער קאנטראל***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמלדן אז א טעים פון 10 דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) וואלד קעמפער פארט צו קאליפארניע צו שטיצן די אנגייענדע באמיאונגען צו ברענגן וואלדפייערן וואס ברענען אין קאליפארניע אונטער קאנטראל די וואלד קעמפער זענען ארויסגעפלויגן פון אלאנבי היינט אינדערפרי פאר א מיסיע וואס איז ערווארטעט צו נעמען צוויי וואכן.

"מיר זענען אייביג גרייט צו שיקן הילף, ווען אנדערע סטעיט׳ס און פעלקער בעטן פאר ניו יארק׳ס הילף," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק׳ס ווילדערניש פייערלעשער וואלד קעמפער עקספערטן זענען געוועןֿ צופרידן צו ענטפערן די רוף און וועלן טוען וואס זיי קענען צו העלפן אין רעאקציע צו די אויסערגעווענליכע פארניכטיגונג אין און ארום לאס אנגאלעס. איך באדאנק זיי פאר זייער דרייסטקייט און איך קוק פאראויס צו זייער זיכערן צוריקער."

ניו יארק סטעיט טוט שטענדיג ארויסשיקן גוט טרענירטע ווילדערניש פייערלעשער צו העלפן באקעמפן פייערן אין אנדערע סטעיט׳ס און פעלקער אלץ טייל פון א אינטערסטעיט און איטערנאציאנאלע פייערלעשער גרופעס. און דרום קאליפארניע, איז געשעאצט אז די פייערן האבן געהרגעט 25 מענטשן ביז היינט, פארברענט מער ווי 40,000 אקערס און פארניכטעט מער ווי 12,000 געביידעס. די פייערן האבן זיך אנגעהויבן אויף יאנואר 7, געטריבן דורך Santa Ana ווינטן.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (DEC) אינטערים קאמישאנער Sean Mahar (סיען מאהאר) האט געזאגט,** "DEC׳ס וואלד קעמפער זענען גוט טרענירט ווילדערניש פייערלעשער וואס זענען גרייט צו נוצן זייער ערפארונג צו העלפן קמיוניטיס אין נויט ווען אומער זיי ווערן גערופן. איך שעץ די קעמפער וואס שטייען אויף צו לויפן אנטקעגן געפאר און פארשטערקערן די באמיאונגען פון פייערלעשער פון לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן, מעקסיקא, קאנאדע און אנדערע פעלקער צו באקעמפן די שעדליכע וואלדפייערן."

אין 1979 האט ניו יארק ארויסגעשיקט איר ערשטע פייערלעשער מאנשאפט, ארויסצוהעלפן מערב שטאטן מיט ריזיגע וואלד פייערן. אין דורכשניט, ווערן איינס צו צוויי מאנשאפטן ארויסגעשיקט לויט ווי עס פעהלט זיך אויס צו ארויסהעלפן מיט וואלד פייערן יעדעס יאר. אין צוגאב צום העלפן ברענגען וואלדפייערן אונטער קאנטראל און פארמינערן שאדנס צו מענטשן און פראפערטי, טוהען די מאנשאפטן

איינקויפן ווערדפולע ערפארונג וואס קען אויסגענוצט ווערן צו באקעמפן וואלדפייערן און באהאנדלען אלע סארטן אינצידענטן אין ניו יארק.

אלע אויסגאבן פון די ארבעטסקראפט און פון די רייזע פון די ניו יארקע מאנשאפטן זענען באצאלט אדער דירעקט דורך די פאראייניגטע שטאטן װאלד סערוויס אדער צוריקגעצאלט צו ניו יארק סטעיט אונטער א געמיינזאמע הילף אפמאך צווישן שטאטן און פעדעראלע לאנד אגענטורן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן